בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת נשא




## בענטש און זיי געבענטשט

**די** וואך אין די פרשה לערנען מיר פון די ברכת כהנים, שבועות האבן מיר זוכה געווען -אזוי ווי אלע ימים טובים, צו שטיין פארנט פון די כהנים אין שול און באקומען די ברכת כהנים. און אפילו די וואס קענען נישט זיין אין שול, אזוי ווי די פרויען און קינדער אדער חולים אין שפיטאל באקומען אויך די ברכות. אזוי ווי די גמרא ברענגט אין סוטה (לח ע"ב). 'אחיהם שבשדות', אן אונס וואס קען נישט זיין ביי ברכת כהנים, איז אויך זוכה צו די ברכות.

קומט אויס אז גאנץ כלל ישראל באקומט די ברכות ווען די כהנים הייבן אויף זייערע הענט באהבה צו בענטשן די אידן. נאר איין גרופע ווערט אויסגעלאזט ביים באקומען די ברכות און דאס זענען די כהנים אליינס.

### ווער בענטשט די כהנים?

**נו,** פארוואס זאלן די כהנים ווערן ארויסגעלאזט פון די געהויבענע ברכות פון יברכך? און דאס איז נישט מיין שאלה, נאר די גמרא אין חולין (מט ע"א) פרעגט שוין, 'מי מברך את הכהנים', ווער וועט בענטשן די כהנים?

מיר דארפן זיך קאנצענטרירן צו וואס די גמרא ענטפערט, ווייל דאס עפענט פאר אונז א טיר צו עבודת השם. חז"ל זאגן אז די כהנים דארפן נישט קיין ספעציעלע ברכות ווייל זיי באקומען שוין ברכות פון ערגעץ אנדערש.

אין אנהייב פון פרשת לך לך האט הקדוש ברוך הוא דערקלערט פאר אברהם אבינו: "ואברכה מברכיך, איך וועל בענטשן די וואס בענטשן דיר", (בראשית יב, ג). זאגט אויף דעם רב נחמן בר יצחק, אז די ברכות פון די כהנים קומט פון די צוזאג אין די ווייטע פארגאנגענהייט וואס דער אויבערשטער האט דאן געמאכט צו אברהם אבינו. דאס מיינט אז די כהנים זענען אונטער א קאנטראקט מיטן רבונו של עולם!

וואס מיר לערנען פון די גמרא דא איז, אז ווען דער אויבערשטער האט געזאגט אז ער וועט בענטשן די וואס בענטשן אים, איז דאס געווען א בונד נישט נאר מיט אברהם אבינו נאר אויך מיט זרע אברהם, אלע זיינע דורות זענען אריינגערעכנט אין יענעם בונד.

### א גוי ווערט געבענטשט

**די** גמרא חולין (מט ע"א) דערציילט אונז אז רבי ישמעאל האט אמאל שפאצירט אין גאס מיט זיינע תלמידים ווען א גוי איז זיי פארביי געגאנגען זאגנ'דיג: "שלום, פרידן צו דיר." רבי ישמאל האט אים געענטפערט: "איך דארף דיר נישט צוריקענטפערן ווייל דער ענטפער איז שוין געזאגט געווארן." וואס האט רבי ישמעאל געמיינט

צו זאגן? הקדוש ברוך הוא האט שוין געזאגט דעם ענטפער צו אברהם אבינו, "ווער עס וועט דיר בענטשן וועט ווערן געבענטשט." ווי נאר דער גוי האט געבענטשט רבי ישמעאל איז ער שוין געווען א געבענטשטער.

דער גוי וואס האט נישט געמאכט קיין אויסטערלישע ברכה אדער גרויס אנגעשטרענגונג, ער האט אים נאר געגריסט אן כוונות נאר אלץ מענטשליכקייט, און שוין האט ער זוכה געווען צו ברכות פון אויבערשטן. ווען א גוי באגריסט א איד ארענטליך איז דאס א גוטע טאג פאר אים. וואס מיר לערנען דא איז, אז יעדע ברכה וואס ווערט געזאגט פאר א איד איז א סערטיפיקאט צו ווערן צוריקבאצאלט איר פולן ווערד.

## די פארקערטע מעשה

**מען** דארף אויך לערנען די המשך פונעם פסוק פון ואברכך, ווי ס'שטייט דארט ווייטער, "ומקללך אאור", ווער עס שעלט דיר וועט געשאלטן ווערן. דאס ווארט **מקללך** קומט פון דאס ווארט קל, לייכט. אפילו נאר מאכן א איד לייכט אין די אויגן פון אנדערע איז אויך א סכנה. אויב א גוי וועט שפעטן פון א איד האט ער פארלוירן זיין מזל יענעם טאג ווייל עפעס וועט געשען צו אים. דאס איז אן הבטחה פאר אברהם אבינו וואס איז געגעבן געווארן מיט יארן צוריק.

איך בין אמאל אריבער די גאס ווען אן איטאליענער ליידיגייער איז געזעצן ביים רעדל ווארטנדיג אז די לעמפל זאל ווערן גרין צו קענען אריבערפארן. ווען איך בין אראפ אויף די גאדער (שאסיי) אריבערצוגיין די גאס האט דער גוי געדריקט אויפן געז פעדל ווען זיין קאר האט זיך אנגעהויבן צו רירן פון פלאץ, נאר כדי מיר צו דערשרעקן. זיין פרוי איז געזעצן דערנעבן און ביידע האבן אויסגעשאסן אין א געלעכטער ווייל זיי האבן דערשראקן עפעס אן אלטן איד... איך האב אים אריינגעקוקט אין די אויגן אבער ער האט זיך אוועקגעדרייט כאילו לא היה. שטילערהייט האב איך געמאכט א תפילה אז דער באשעפער זאל אים נישט צופיל שעדיגן נאר אראפנעמען איין פוס און מער נישט... דאס איז זייער א גרינגע שטראף פאר אים אנשטאט גיהנם. ס'וועט זיין א גרויסע חסד פאר אים אויב נאר זיין פוס וועט אראפקומען...

## צוריק צו די ברכות

**ווען** איך האב געלערנט אין סלאבאדקע ישיבה, פאר פופציג יאר צוריק, זענען מיינע רבי'ס געווען א סימבאל פארן דרך החיים. איין ביישפיל וואס איך האב מיך געלערנט איז געווען, אז מען פלעגט זאגן אז ווען מען באקומט אן עלי'ה און מ'זאגט פאר'ן גבאי נאכן עולה זיין, "יישר כח" זאל דאס נישט זיין פון געוואוינהייט, נאר איר זאלט אינזין האבן די פירוש המילות. יישר כח מיינט, זאלן דיינע כוחות פארמערט ווערן. איר זענט מתפלל פאר אים!

איר האט געמאכט א גרויסע חילוק פארן גבאי'ס לעבן. ער האט יעצט באקומען שטערקערע ביינער. שטערקערע כח מיינט זיינע אויגן זאלן בעסער זען, א שטערקערע הארץ און לינגען, אלעס פון אים זאל זיין מער קרעפטיג. אויב איר האט אינזין די ווערטער וואס איר זאגט האט איר אים געגעבן א שיינע ברכה. און אזוי ווי מיר האבן היינט געלערנט וועט איר באקומען דעם זעלבן ברכה אויף צוריק.

אבער אפילו אויב איר האט נאר געשאקלט מיט די ליפן אלץ אן סימבאל פון שכח... האט איר נאכאלץ געבענטש און איר וועט ווערן געבענטשט אויף צוריק אויף דעם זעלבן אופן וואס דער גוי האט באגריסט רבי ישמעאל מיט א ברכה וואס ער האט ווארשיינליך נישט געהאט קיין הויכע כוונות דערביי. אויך אזעלכע ברכות גייט אריין אין די קאטעגאריע פון די בונד מיט אברהם אבינו.

אויב סתם א ברכה אן כוונה האט א קראפט וויפיל איז ווערד א ברכה מיט כוונה? יעדער וואס בענטשט א איד, ווערט אונטערגעווארפן אונטער א מארגידזש פונעם אויבערשטן וואס איז אים יעצט שולדיג ברכות, אזוי ווי ער האט צוגעזאגט: "ואברכה מברכיך". דאס מוז נישט מיינען אז דער מענטש וועט יעצט זיין א בן עולם הבא, אדער קענען גאנץ ש"ס. ס'מיינט אויך נישט אז ער וועט יעצט ווערן א מיליאנער, אבער ס'איז דא גענוג ברכות פון וואס ער וועט קענען נהנה זיין. ס'מיינט אז מן השמים איז ער געווארן צוגעזאגט צו ווערן געבענטשט.

## זאגט נישט "העלא"

**היינט** ביינאכט ווען איר גייט ארויס פון דעם שיעור זאלט איר נישט באגריסן אייערע באקאנטע מיט אן 'העלא', נאר מיט א 'שלום עליכם'. ס'איז א שאד צו פארפאסן די געלעגנהייט צו געבן א ברכה פאר א איד. "פרידן צו אייך" איז א שיינע ברכה!

ס'איז געווען א ראש ישיבה אין אמעריקע, הרב ישראל זאב גאסטמאן זצ"ל. אמאל האט ער געהערט ווי איינער זאגט 'העלא' האט ער אים אויסגעבעסערט, "וואס עפעס העלא? העלא מיינט גארנישט, סאיז א ליידיגע ווארט ווי 'היי', זאגט בעסער 'שלום עליכם' וואס איז א ריכטיגע באגריסונג.

ווען איר זאגט שלום עליכם לייגט צו אייער מח. האב אינזין נישט נאר פאר שלום בית נאר אויך אז איר זאלט נישט האבן קיין פיינט, אייערע שכנים זאלן אייך נישט מאכן קיין צרות. יעדעס מאל וואס איר זאגט שלום עליכם האב אינזין עפעס אנדערש. 'די גאנצע בריאה זאל לעבן בשלום מיט אייך, אפילו די באצילן און ווירוס'ן זאלן נישט איינעמען אייער קערפער און אנווערטשאפטן אלע מיני צרות. זיי זאלן אלע מאכן שלום מיט אייער אימיון סיסטעם. שלום מיינט געזונט.

ס'איז א חידוש ווען מען טראכט אריין אז אזא קליינע באגריסונג פאר א חבר קען אייך עפענען טויערן פון אזויפיל גוטע זאכן!

## א גוטע נאכט

**נישט** נאר שלום עליכם קען אייך ארייגפירן צו א נייע וועלט, נאר 'א גוטע נאכט' איז אויך א געלעגנהייט פאר גוטע זאכן. די צוויי פשוט'ע ווערטער פון א גוטע נאכט קען מיינען איר זאלט אהיימקומען בשלום. איר זאלט נישט ליידן פון שלאפן אין די נישט גוטע פאזיציע אויף א מאטראץ וואס איז צו ווייעך. ווען איר וואונטשט איינעם א גוטע נאכט, זאלט איר אינזין האבן אז עס זאל ח"ו נישט אויסברעכן א פייער אינמיטן דער נאכט, און אז די וואסער רער זאל נישט פלאצן אינמיטן שלאף ווייל דעמאלטס וועט איר דארפן זוכן א פלאמבער מיט אייערע נאכט קליידער...

ווען איר לייגט צו כוונות קענט איר אסאך אויפטון. איר קענט מתפלל זיין אז ס'זאל נישט אריינדרונגען אומגעוואונטשענע געסט אינמיטן דער נאכט. איר זאלט שלאפן געזונטערהייט און אויפשטיין געזונטערהייט אויפגעפרישט צו א נייע טאג.

## א גוט מארגן

**די** צוויי ווערטער זענען זייער וויכטיג. ווען מען זאגט סיי ווי דעם גוט מארגן, פארוואס זאל מען נישט אינזין האבן די פירוש המילות? מאכט זיכער אז אייער גוט מארגן'ס איז נישט ליידיג. באגריסט אייערע באקאנטע מיט כוונות. א גוטע אינדערפרי מיינט א געשמאקע דאווענען, א פרישטאג וואס ווערט גוט פארדייט, ס'מיינט

## רעדט צו די הייזער

אנהייבן די ארבעט מיט די רעכטע פוס. ווען איר קומט אריין אין אייער אפיס זאל אייך אפווארטן אסאך קליענטן ביים טיש...

ווי מער איר וועט אריינטראכטן אין וואס איר זאגט אלץ מער הארץ וועט איר צולייגן און אלץ מער וועט איר דערגרייכן צו גרויסע זאכן.

**דאס** איז נאך א זאך וואס איך האב מיך געלערנט אין סלאבאדקע. דער "אלטער פון סלאבאדקע" איז אמאל געגאנגען אין גאס מיט זיינע תלמידים, ווען זיי זענען אריבער געגאנגען א הויז וואו איינע פון די כולל יונגעלייט האבן געוואוינט, האט דער אלטער זיך אפגעשטעלט פארענט פונעם הויז און באגריסט מיט א ווארעמן גוט מארגן, דו זאלסט האבן א גוטע טאג!" און איז ווייטער געגאנגען זיין וועג ווען ער שטעלט זיך אפ ביי געוויסע הייזער צו באגריסן.

"אבער זיי הערן נישט..." האבן די תלמידים געפרעגט זייער רבי.

"צו וואס דארף מען הערן?" האט דער אלטער נישט פארשטאנען.

דער רבי האט געוואוסט אז ס'איז גענוג די ברכות וואס זענען געזאגט געווארן פאר א איד. ער מוז אפילו נישט הערן, ס'איז גענוג אויב דער אויבערשטער הערט. איך מיין אז דאס איז א געוואלדיגע גדלות!

איר קענט דאס נאכטון. ווען איר גייט אין גאס האלט אייער אויגן אפן צו די מזוזות אויף די טירן. ווען איר גייט פארביי א הויז פון א ראש ישיבה, תלמיד חכם אדער סתם א פרומער איד, זאגט: "גוט מארגן, יברך את בית ישראל!" די הייזער זענען ווערד צו ווערן געבענטשט. דארט וואוינען קינדער פון דער אויבערשטער וועלכע פירן הייליגע, כשר'ע שטובער. נעמט אראפ עטליכע סעקונדעס זיי צו בענטשן אז זיי זאלן זיין געזונט און האבן נחת ברכה און הצלחה...

## "ברכם טהרם, רחמי צדקתך, תמיד גמלם"

**דאס** איז א געוואלדיגע ברכה, "בענטש זיי, הייליג זיי, דיין רחמנות זאל זיי שטענדיג באצאלן גוטס, (תפילת ר' נחוני' בן הקנה, אנא בכח). בענטשט מיט א פולער הארץ, ווען איר זעט א איד פון אייער פענסטער אריבערגיין. לערנט אויס אייערע טעכטער צו בענטשן די נשים צדקניות וואס האדעווען די צוקונפטיגע דור. ווען זיי זעען א פרוי פירן א צווילינג וועגעלע, מיט נאך צוויי קינדער הענגען זיך ביי די זייטן און זי האלט אינמיטן נאכלויפן נאך צוויי קינדער זאלן זיי איר בענטשן מיט אלעם גוטן. זי טוט א שווערע ארבעט אז כלל ישראל זאל קענען פארזעצן. עס קומט זיך איר דעם גרעסטן כבוד. זי בויעט עם ישראל. זיי מתפלל פאר איר הצלחה, געזונט, נחת ביי אירע קינדער.

## בענטשט תשב"ר

**ווען** איר גייט פארביי די הויף פונעם חדר, וואו די קינדער שפילן זיך און טאנצן ארום פריי, זאלט איר בענטשן די קינדער אז זיי זאלן וואקסן ערליכע תלמידי חכמים און האבן גוטע קעפ צו פארשטיין דאס לערנען. איך האב געקענט א אינגל פון א גוטע שטוב וואס האט געהאט א שוואכע קאפ. די הנהלה האבן אים געוואלט אהיימשיקן. דער טאטע איז געקומען מיט טרערן אין די אויגן: "וואס זאל איך טון מיט אים? איך קען אים נישט שיקן אין פאבליק סקולי!" האט דער טאטע געוויינט מיט בכיות. צום סוף האט מען אים געלאזט אין חדר נאר פאר עטליכע שעה אין טאג.

פארוואס זאלט איר נישט דאווענען פאר די תינוקות של בית רבן. אייערע ברכות האבן

## ברכות מיט אהבה

א געוואליגע כח. בעטס פאר די קינדער: "הייליגער באשעפער געב זיי דעת אז זיי זאלן קענען מיטהאלטן די לימודים צווישן די הייליגע ווענט פון תלמוד תורה און צו דארפן דורכגיין שוועריגקייטן טאג טעגליך. זיי זאלן קענען פארשטיין די גמרא און מיטהאלטן די שיעור". איר ווייסט ווי שווער ס'איז פאר די היינטיגע קינדער? די רבי'ס זאגן טיפע פילפולים וואס איך ווייס נישט וויפיל פון זיי פארשטייען. מען דארף אסאך מתפלל זיין אז די קינדער זאלן שטייגן אין תורה.

עס קאסט דאך נישט קיין געלט צו בענטשן. פארוואס איז מען אזוי קארג?! ס'איז די גרינגסטע און ביליגסטע אינוועסטמענט פאר אלעם גוטן. בענטשט אידישע קינדער מיט דאס מערסטע ברכות וואס איר קענט.

**נאכדעם** וואס מען ווייסט שוין ווי אזוי געבן ברכות זאל מען אריינגיין אין די פנימיות פון די ברכות. מיר בענטשן, נישט ווייל מיר ווילן ווערן געבענטשט נאר ווייל מיר שפירן אן אהבה צו א איד אזוי ווי דער אויבערשטער שפירט. דער מסילת ישרים ברענגט, "השי"ת האט ליב די וואס האבן ליב עם ישראל, דערפאר האט דער אויבערשטער געזאגט, ווער ס'בענטשט מיינע קינדער וועל איך אים בענטשן".

חז"ל זאגן: 'איר זאלט זיך פרייען מיט אייער חבר'ס שמחה'. צו קענען דערגרייכן צו דעם מדריגה דארפט איר פארשטיין ווי גרויס אידישע קינדער זענען אין די אויגן פון דער אויבערשטער, ווי מיר זאגן ביים דאווענען, **אוהב עמו ישראל**, **אהבה רבה אהבתנו**, א גרויסע ליבשאפט האסטו אונז ליב. **חמלה גדולה ויתרה**, א געוואלדיגע גרויסע דערבארעמקייט האסטו אויף אונז.

דער אויבערשטער האט א געוואלד מיט ריעל-עסטעיט. **"הן להשם אלקיך השמים ושמי השמים"**, צום אויבערשטן געהערט די הימלען און די הימלען העכער די הימלען. אלעס באלאנגט צום אויבערשטן. ס'איז דא ביליאנען שטערנס אין די הימלען, שטערנס וואס זענען גרעסער ווי די זון. די פלאץ צווישן די וועלטן זענען אזוי ברייט אז מען קען עס אפילו נישט מעסטן. דאס אלעס איז זיין אייגנטום. און הקדוש ברוך הוא זאגט: "**רק באבותיך חשק השם**", נאר אין אייערע אור-עלטערן האט השי"ת געהאט הנאה. מיר קענען מיינען אז דאס איז געזאגט געווארן נאר פאר די אבות הקדושים, זאגט אבער דער פסוק ווייטער, "**ובכם.. כיום הזה**", און אין אייך האב איך געגלוסט שטענדיג, דעם היינטיגן טאג.

דעם פסוק זאלט איר גוט חזר'ן ווייל דאס איז די פנימיות פונעם היינטיגן שיעור. איר זאלט בענטשן עם ישראל באהבה, ווייל איר מיינט זייער גוטס. ווען איר גייט אין גאס און א פרומער איד קומט אייך אנטקעגן, ס'איז נישט קיין חילוק אויב ער איז אן 'אונזעריגער' אדער נישט, איר זאלט אים בענטשן מיט ליבשאפט אזוי ווי דער אויבערשטער האט אים ליב. ווען איר גייט אויף דעם דרך, זענען אלע אייערע וועגן הייליג, ווייל איר ערפילט די מצוה פון **והלכת בדרכיו**, איר זאלט גיין אין די וועגן פונעם אויבערשטן.

## ביים טויער פון גן עדן

**ווען** איר וועט קומען צום טויער פון גן עדן און דער שומר הדלת וועט אייך אפהאלטן, "לאמיר זען וואס דו האסט אין דיין הענט צו קענען אריינגיין אין גן עדן." וועט איר ענטפערן, "מיינע הענט זענען ליידיג, איך האב נישט געהאט קיין געלעגנהייטן אזוי ווי אנדערע האבן געהאט". וועט אים דער מלאך אנשרייען: "משוגע'נער, דו ביזט געגאנגען צווישן דימאנטן, פארוואס האסטו נישט אויפגעהויבן די דימאנטן פון אונטער דיינע פוס! פארוואס האסטו פארשווענדעט דיינע לעבנס טעג?!"

איר ווייסט וואס דאס מיינט? אז איר האט געקענט אנפילן אייערע לעבנס טעג מיט גרויסקייט. און די גרעסטע זאך וואס דער אויבערשטער האט ליב מער פון סיי וואס, איז די מענטשן וואס האבן ליב זיינע מענטשן. און ווען איר וועט זיך צוריקקערן צום אויבערשטן און מען וועט דיר פרעגן די פארכטיגע פראגע: "האסטו עפעס אויפגעטון אין דיין לעבן וואס איך האב דיר געשאנקען?" וועט איר קענען ענטפערן: "איך האב געבענטשט אסאך אידישע קינדער".

וועט דער אויבערשטער ענטפערן: "דעמאלטס ביזטו פון מיינע מענטשן ווייל איך בין א גאנצן טאג פארנומען צו בענטשן בשלום מיינע אידישע קינדער. אזוי ווי עס שטייט: "**השם יברך את עמו בשלום**", אויב דו טוסט אויך דאס, דאן ביזטו מיט מיר און דו קומסט צו מיר לעולם ועד. איך בין דער אוהב עמו ישראל, און די אלע וואס האבן ליב מיינע מענטשן האב איך א שטארקע קשר!"

געדענקט, ווי מער איר וועט גיסן ברכות אויף אידישע קינדער אלץ מער וועט דער אויבערשטער אייך באגיסן מיט ברכות אויף דער וועלט און אויף יענע וועלט!


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת

אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

ניצט אויס די כח פון **מזכה זיין**
און טוהן **חסד** מיט הונדערטער אידן
ארייַנצובערענגען אין זיי **חיות** און **דעת**

צו מנדב זיין "תורת אביגדור" רופט:
**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

# צו באשטעלן ביי אונז
# קונטרסים גליונות פאר:

שבת באווארפן / שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די תפילות, קריאת התורה,
זמירות און ברהמ"ז

**לויט אייער פארלאנג,**

פארבינדט אייך מיט אונז ווי פריער אין וואך

**615.680.9029**

gilyonosshabbos@gmail.com




***ליינט די גליון יעדע וואך אין די קונטרס "גליונות לשב"ק",***

# לערנט תורה און ווערט גוטהארציג

## שאלה:

**וואלט דער רב געזאגט אז איינער וואס לערנט תורה וועט ווערן אן ערנסטע מענטש וואס פארשטייט נישט צו הומער?**

## תשובה:

איך מיינט צו פרעגן אז א מענטש וואס לערנט געוויסע סוגיות אין די תורה וועט נישט וויסן וואס הומער איז?

ווען מען גייט דאס אן בכלל?! דעי ביזנעס, אז ס'איז א פראבלעם טאמער א מענטש פארשטייט נישט צו הומער איז אן אמעריקאנער צוגאנג וואס מיר טרעפן נישט אין קיין שום אנדערע פלאץ אין כתבי קודש אדער דברי חז"ל. מען מוז האבן הומער? אויסדריקליך אז נישט!

אויסער אויב איר מיינט צו זאגן אויפגעלייגטקייט אדער גוטהארציגקייט, אבער הומער דארף מען נישט האבן, ס'איז א גוי'ש געדאנק וואס איז איפארטירט געווארן פונעם דרויסענדיגע וועלט און מען מיינט אז מ'קען זיך נישט דורכקומען אן דעם. ס'איז נישט דא קיין שום סיבה צו זיין א מענטש מיט הומער.

בכל אופן, ווען א מענטש לערנט תורה וועט ער ווערן געדולדיג און גוטהארציג.

ער וועט נישט מאכן וויצן אדער לצנות, אויב דאס איז וואס איר מיינט, ניין, ער וועט נישט זיין שטיפעריש אדער אנמאכן שפיצלעך.

ער וועט פארשטיין אנדערע מענטשן און וויסן ווי אזוי זיי צו פריילך מאכן, דאס אלעס האט צו טון מיט גמילת חסדים. א תלמיד חכם וועט שמייכלען צו אנדערע ווייל ער האט געלערנט די גמרא אין מס' כתובות (קי"א) **מלבין שניים לחבירו** סאיז א מצוה צו ווייזן ווייסע ציין פאר א חבר, דאס מיינט א ברייטע שמייכל. ער רעדט דברי חיזוק צו מענטשן, דאס אלעס איז אין די גמרא, אין חומש און ווי אימער איר וועט קוקן וועט איר טרעפן די לימודים און דאס איז וואס מיר ווילן.

אויסער דעם האט הומער נישט קיין פלאץ אין עבודת השם, ס'איז נישט קיין מידה טובה. מיר קענען פארגעסן פון דעם מושג.

> **שאלות און תשובות**
> מיט
> ר' אביגדור מיללער זצ"ל

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות